די בעוואוסטע יודישע **שאקאלאדע-פאבריק אין לאדז „ZŁOTY RAJ"**
ווינשט איהרע פערטרעטער און אגעגטען ווי אויך אלע קאנסומענטען פון גאנץ פוילען
# א גמר חתימה טובה
אינהאבער **ש. האלפערן.**

IZBA RZEMIEŚLNICZA W ŁODZI urządza **Wielką Jesienną**
# REWJĘ MODY
z udziałem największych firm Łódzkich

Szczegóły w afiszach.

w Teatrze Miejskim (Śródmiejska 15) dn. 13 b. m. o godz. 11.30.

Przedsprzedaż biletów do dn. 11 b. m. włącznie w firmie A. G. B. (Piotrkowska 80), w sobotę i w dniu rewji w Kasie Teatru.

BROWAR i FABRYKA KWASU WĘGLOWEGO
# SUKCESORÓW K. ANSTADTA
**Spółka Akcyjna**
tel. 122-31
**Łódź, Pomorska 34/36.**

עמפפעהלט אויף **יום-טוב** איהרע פיינע קוואליטעטס-**בירען: Jasne-wyborowe**
**און ביעריש, דונקעלע זיס ביער**

בעמערקונג: מיר בעטען די ג' קונדשאפט, אז זיי זאלען ביים איינקויף אכטונג געבען אויף אונזער פירמע. אלע אונזערע פעסלעך ביר זענען מיט אונזער איינגעברענטע פירמע באצייכענט



# L. ODERBERG
דער בעוואוסטער ניי-ערעפענטער **שיך-סאלאן**
**33 פיעטריקאווער 33** (פריהער פיעטריקאווער 17)
עמפפעהלט צום יעצטיגען סעזאן **שיך** די לעצטע מאדעלען

## א גמר חתימה טובה
ווינשען מיר אלע אונזערע
**קרובים און קונדען**
**B-cia Geyer**
*Łódź, Zgierska 96.*

## א גמר חתימה טובה
ווינשען מיר אונזערע ליבע עלטערן, שוויגער-עלטערן, שוועסטערן, ברידער די פאמיליע, פריינד און בעקאנטע
**יאקוב צוקערמאן**
פרוי און זוהנדעלע.

## א גמר חתימה טובה
ווינש איך מיינע געעהרטע שפילער און קונדען צום נייעם יאהר און גלייכצייטיג עמפפעהל איך גליקליכע לאסען צו דער 1-טער קלאס פון דער 34-טער מלוכה-לאטעריע.
1-טע קאלעקטור איז באלוט
**J. MANDELMAN**
לאדז, לימאנאווסקא 2, טעל. 243-84
P. K. O. 143021.

די פערוואלטונג פון די גאסען-הענדלער (סטראגאנעס)
ווינשען אין נאמען פון אלע מיטגלידער
## א גמר חתימה טובה
דעם פרעזעס פון דער יודישער קהלה אין לאדז און דעפוטאט
**ר' לייבל מינצבערג**
ער זאל אויך ווייטער שטעהען אויף דער וואך פון די יודישע אינטערעסען.
מלך גרונדמאן
פסח קראקאווסקי

ב"ה לאדז.
דערמיט ווינש איך **א גמר חתימה טובה** אלע מיינע נאהנטע און ווייטע אין לאנד און אויסלאנד.
**לייב פייגאלד**
ערב יום-הכפורים תרצ"ו.

## הזכרות
היינט, זונטאג, דעם 6-טען אקטאבער ד. י. 9.30 פריה קומט פאר אויפ'ן בית-החיים הזכרות און די ענטהילונג פון די מצבות נאך אונזערע פערשטארבענע עלטערן
**נ"ע מאיר דוד און בחה**
# שמאראגד
צו וועלכע עס לאדען איין קרובים, פריינד און בעקאנטע.
**קינדער און פאמיליע.**

# אתרוגים
**קארפירער און פאלעסטינער**
לולבים און הדסים מובחרים שבמובחרים
דערמיט מאך איך בעקאנט די ג. הורט-סוחרים אין לאדז און פון דער פראווינץ, אז איך האב געבראכט דירעקט פון גריכענלאנד און פאלעסטינא, וואו איך בין אליין געווען און איבערגעקליבן די שענסטע **אתרוגים** לולבים והדסים **במקח השוה**. איילט זיך און קויפט ביי מיר דירעקט. וכל הקודם זכה!
פערקויפס-שטעל
**נאוואמיעסקא 24 ביי ח. פישהאף,**
נאוואמיעסקא 12, אין הויף.
הורט-פערקויף פון קאלאניאל-ווארען און פרוכטען
**ב. פישהאף, 11 ליסטאפאדא 47**
טעל. 169-20

# אתרוגים
מובחרים
**לולבים והדסים**
במקח השוה, הורט און ענצעל
ביי **עמנואל קאפעלוש**
**פלאץ וואלנאשטשי 10.**

1 זל. — 1 זל.
# סוכות
איך גיב אויף אפנויץ סוכות פון חעלע נייע ברעטער פון 1 זל. אן א וואנד. צו בעקומען אין דער בעוואוסטער קיסטען-פאבריק **פאמארסקא 37,**
טעל. 140-94.
פערזארגט אייך בעצייטענס.
1 זל. — 1 זל.

# סוכות!
**בילליג אויף אפנויץ**
**פיעטריקאווער 60**
**telefon 112-88**

# סוכות!
אויף אפנויץ בילליג מאכט די קיסטען-פאבריק **Zeromskiego Nr. 61**
telefon 241-59.

# אתרוגים
מובחרים טובים
**לולבים והדסים**
איז צו בעקומען אין ספרים-געשעפט
# מרדכי מונק
**20 נאוואמיעסקא 20**
זונטאג אין פריוואט-וואוינונג
אגרארנא 12 רעכטס 1-טער שטאק

# אתרוגים
מבחרים
# לולבים
והדסים
ווי אויך ארץ-ישראל-אתרוגים פון דער ערשטער קוואלע הורט און איינצל איז צו בעקומען ביי
**יחיאל קאפעלוש**
זגערזשער 2 (רוג יודישע).

## יום-כפור אין בית-תפלה פון פילהארמאניע
**נארוטאוויטשא 20.**
טויזענטער מתפללים זענען בעגייסטערט געווארען פון די הארציגע תפלות פון דעם וואונדערבארען חזן ה' **ס. קעסלער.**
די ראש-השנה'דיגע תפלות פון קאנטאר
# ה' קעסלער
אין פילהארמאניע, האבען די מתפללים איבערצייגט, אז אלע שבחים פאר דעם פראכטיגען חזן זענען נישט איבערגעטריבען.
אויך א גייסטיגען גענוס האט מען געהאט פון די שיינע געזאנגען פון דעם הערליכען גרויסען און גוטען כאר אונטער דער לייטונג פון קאמפאזיטאר ה' **רובל.**
כדי צו געבען דעם תענוג די אנדערע, וועלכע האבען נאך נישט געהאט די מעגליכקייט צו הערען דעם שיינעם חזן מיטן גרויסען כאר האט דער בית-תפלה-קאמיטעט בעשלאסען צוצושטעלען נאך איינגע צעהנדליג שטוהלען אויף **יום-כפור.**
בילעטען אין קאסע פון פילהארמאניע היינט, עיו"כ פון 8 פריה ביז 3 נאכט.
בעמערקונג: צוליב דעם, וואס אן בילעטען וועט נישט אריינגעלאזט ווערען. הערט דאס ג' פובליקום געבעטען בעצייטענס זיך בעזארגען מיט בילעטען. אויך ווערט געבעטען צו „כל נדרי" נישט מיטברענגען קיין קליינע קינדער.

נאך לאנגע שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 68 יאהר אונזער לאנגיעהריגע מיטגלידין
# נ"ע גיטל גאלדשטיין
(געב. גראבעק)
צו דער לויה, וועלכע קומט פאר היינט, זונטאג, דעם 6. אקט. 11 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז, פראנציסקאנער 15, ווערען געבעטען אלע מיטגלידער אבצוגעבען דער פערשטארבענער דעם לעצטען כבוד. יודישער פליישער און וואורשטען-מאכער-צעך. פיעטריקאווער 24.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חשוב'ן מיטגליד
**בעריש שווילצער**
צוליב'ן טויט פון זיין שוועסטער
# נ"ע זעלדע
זייט געטרייסט מיט די טראדיציאנעלע ווערטער: המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.
די פערוואלטונג
פון שניידער-הורטאווניקעס און קעלבער-שעכטער, פארזשעטשנא 10.

## הזכרה
היינט, זונטאג, דעם 6-טען אקטאבער ד. י. 9.30 פריה קומט פאר אויפ'ן בית-החיים א הזכרה און די ענטהילונג פון א מצבה נאך מיין פערשטארבענעם מאן
ב"ע
# יהודה סעגאלאוויטש
צו וועלכער עס לאדען איין קרובים, פריינד און בעקאנטע.
**פרוי און פאמיליע.**

